# בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | נח | ד' חשון | תשע"ב | פסחים: ק"ו.


# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר שמאול יודא שטיין הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן מוה"ר שלום יוסף לעווינגער הי"ו פון קרית יואל.

פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יעקב הערש פרידריך הי"ו פון קרית יואל, דערנאך איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יוסף לייב ברוין הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

§•§

## שמחה בחצרות קדשינו

היינט מיטאג איז למז"ט געבוירן געווארן א אינגל ביי נכד מרן רביה"ק זי"ע בעל ברך משה - הר"ר סיני טייטלבוים שליט"א, בן הרה"צ אב"ד דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א, וחתן הגה"צ מ'מעליץ שליט"א.

***-מזל טוב!-***

§•§

## "אלף" תלמידי ישיבה גדולה ד'סאטמאר בלעיה"ר עפענען זמן החורף מיט גרויס הצלחה בס"ד

נעכטן – מאנטאג האבן זיך בשטומ"צ געעפענט די סדרי הישיבות אינערהאלב די ישיבות הגדולות ד'סאטמאר אין ניו יארק מיט א גרויס הצלחה און התחדשות בס"ד.

די 98 תלמידי ישיבה לצעירים אין וויליאמסבורג - בהנהלת הרה"ג ר' מרדכי זאב וואזנער שליט"א בן הגאון ר' חיים וואזנער שליט"א בעל שמחת הלוי, האבן בס"ד דשמיא געעפענט דעם זמן החורף מיט גרויס הצלחה, ווי מען לערנט שיעור עיון מס' בבא מציעא, און ביי דעם סדר הלימודים פארטאגס גיט הגה"צ אב"ד דקהלתינו שליט"א א שיעור אין הל' שבת.

די 30 בחורים פון כיתה צעירים שע"י ישיבת היכל התורה האבן דעם זונטאג אנגעהויבן דעם זמן ברוב סייעתא דשמיא ווי מען לערנט מס' קידושין אין שיעור עיון.

די 218 תלמידי ישיבה גדולה – סניף דברי יואל – בהנהלת הרה"ג ר' דוד שלמה עקשטיין שליט"א, האבן נעכטן אנגעהויבן דעם זמן ביתר שאת ווי מען לערנט שיעור עיון מס' חולין, חוץ די חבורות פון שו"ע באו"ח ויו"ד.

די 218 תלמידי ישיבה גדולה – סניף ברך משה – בהנהלת הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א האבן בעזהשי"ת מתחיל געווען דעם זמן הלימוד נעכטן ווי דער לימוד פון שיעור עיון איז אין מס' כתובות, חוץ די חבורות פון שו"ע באו"ח ויו"ד.

די 227 תלמידי ישיבה גדולה – שיעור ג' – בהנהלת הרה"ג ר' לוי יצחק בארזעסקי שליט"א, האבן בס"ד נעכטן אנגעהויבן דעם זמן החורף ווי מען לערנט מס' חולין אין שיעור עיון, חוץ די חבורות פון שו"ע באו"ח ויו"ד.

די אריבער 126 תלמידי ישיבה גדולה - שיעור ד' האבן היינטיגן טאג בעזהשי"ת אנגעהויבן דעם זמן ווי מען לערנט מס' חולין אויף שיעור עיון, און איין חבורה לערנט שו"ע יו"ד ח"ג, חוץ פון די חבורות פון שו"ע הל' שבת און חבורות מס' הוריות ומס' מנחות.

די 84 תלמידי ישיבה גדולה ויואל משה בארא פארק – בהנהלת הרה"ג ר' חיים יעקב רובין שליט"א אבד"ק ציעשנוב האבן דעם מאנטאג אנגעהויבן דעם זמן בעזהשי"ת, ווי מען לערנט מס' בבא מציעא פרק שנים אוחזין אויף שיעור עיון, חוץ דעם שיעור אין שו"ע הל' בשר בחלב.

***-והעמידו תלמידי הרבה-***

## בית מדרשינו החדש אין לעיקוואד געעפענט בשטומ"צ

ווי שוין באריכטעט בעפאר יו"ט האבן די הנהלת ועסקני קהלתינו הק' אין לעיקוואד זיך אריינגעווארפן און צוגעלייגט א רינגעלע אינע'ם קייט פון מלכות סאטמאר אומעטום – מיט'ן מייסד זיין נאך א ביהמ"ד דקהלתינו אין לעיקוואד צוליב'ן וואוקס פונעם ציבור אנ"ש בליעה"ר אין די נייע געגענטער פון "ברוק הילל" און "וויספערינג פיינס" געגענטער אין לעיקוואד.

פארגאנגענעם שב"ק פ' נח – ר"ח חשון העעל"ט איז פאהרגעקומען דער "פתיחת שערים" מיט'ן עפענונג פונעם היכל הביהמ"ד החדש בס"ד צו וועלכען עס איז זיך בליעה"ר צונויף געקומען א גרויסער ציבור אנ"ש בלעיה"ק תושבים פון די געגנט און ארום.

לקראת דעם עפענונג פונעם ביהמ"ד זענען די הנהלת הביהמ"ד אריין אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג העעל"ט ווי דער רבי שליט"א האט איבערגעגעבן דברי דרכה און די תקנות ליסוד הביהמ"ד און דערביי מאציל געווען ברכת קדשו.

לכבוד דעם געלעגנהייט איז הגה"צ ר' מרדכי בצלאל קליין שליט"א רב ודומ"ץ דקהלתינו הק' לעיקוואד ובעמח"ס לחמי אבירים אריבער געקומען ווילן אין דעם געגענט אויף שב"ק ביי חתנו הר"ר משה פאנעטה שליט"א און דער רב שליט"א האט באשיינט אלע תפילות אין ביהמ"ד החדש.

ספעציעל איז געקומען צו פאהרן אויף שב"ק הרבני החסיד מוה"ר אהרן וועלץ הי"ו מנהל מוסדותינו הק' בבארא פארק פאטער פון מוה"ר ישראל הי"ו מראה"ק אין לעיקוואד וממייסדי ביהמ"ד החדש,

וועלכער האט מנדב געווען דעם פראכטפולן אוצר הספרים "אוצר ישעי' אשר" לע"נ זיין פאטער הרה"ח המרומם מוה"ר ישעי' אשר וועלץ ז"ל.

א גאהר שיינער און אומערוואטעטער ציבור קע"ה האט זיך באוויזן דוירכאויס דעם שב"ק ביי די תפילות און ספעציעל ביי סעודת שלישית ווי דער רב שליט"א האט משמיע געווען דברי התעוררות לרגל המאורע.

דאס ביהמ"ד שטייט שוין שוין צום דינסט פאר אנ"ש אלס מקום תורה ותפילה ברוב פאר והדר.

*-מזמור שיר חנוכת הבית-*

࿐•࿐

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**